בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

נשא - שבועות
(במדבר בחו"ל) תשפ"ב
גליון 95

## דער ריינער קוואל



**אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

**אַ גוטן שַׁבָּת און יום טוב פאַר אַלע לעכטיגע קינדער.**

מיר שטייען שוין זייער נאָנט צום הייליגן גרויסן טאָג יום טוב שָׁבוּעוֹת, זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ הַק', די תּוֹרָה איז אונזער לעבן אונזער חִיוּת, אַזוֹי ווי מען זאָגט יעדן טאָג אין בִּרְכַּת אַהֲבַת עוֹלָם "וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַּלְמוּד תּוֹרָתֶיךָ וּבְמִצְוֹתֶיךָ לְעוֹלָם וָעֶד, כִּי הֵם חַיֵּינוּ.."

קינדער, ווען דער אויבערשטער וויל אונז היינט געבן די תּוֹרָה וואָספאַרא פּלאַץ וואָלט געווען א פּאַסיגע און אַ ריכטיגע מָקוֹם דערפאַר? לכאורה אין עפּעס גאָר אַ הייליגע פּלאַץ אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל א.ד.ג. איז פאַרוואָס טאַקע האָט דער אויבערשטער געגעבן די תּוֹרָה אין חוּץ לָאָרֶץ אין אַ פּוּסטער ליידיגער פּלאַץ פול מיט קליפּוֹת און מַזִּיקִים ווי דער פָּסוּק זאָגט: "מָקוֹם נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב".

דער תירוץ ענטפערט אונז ר' נָתָן אין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת (גביות חוב ג') און דאָס איז אַן ענטפער פאַר יעדער איינציגער איד. ווען אַ איד וויל זוכה צו מְקַבֵּל זיין די תּוֹרָה, יעדער לויט זיין דַּרְגָּה, לְמָשָׁל, ווען א אינגל גייט אַרויף אַ נייע כִּתָּה, אָדער אַ בָּחוּר נעמט זיך צום לערנען, איינער שטאַרקט זיך מיט אֱמוּנָה, אָדער ער נעמט זיך פאַר צו שטאַרקן מיט גוטע מִדּוֹת א.ד.ג. דעמאָלטס גייט אַריבער אויפן מענטש א מִדְבָּר - סְפֵיקוֹת מיט בִּלְבּוּלִים, אַלע סאָרטן מְנִיעוֹת, תַּאֲווֹת מיט טִרְדוֹת א.א.וו.

אָבער ווען דער איד האַלט זיך פעסט, ער פאַלט נישט אין יִאוּשׁ, און לויפט צום אויבערשטן און צו די קְדוּשָּׁה, איז ער דעמאָלט זוכה צו אַרויפגיין אַ דַּרְגָּה וואָס ווערט גערופן "קַבָּלַת הַתּוֹרָה", ער גייט טאַקע אַריבער נִסְיוֹנוֹת אַזוֹי ווי אין אַ מִדְבָּר עס איז פּוּסט טריקן אָן קיין שאָטן, קיין טראָפּל וואַסער געפינט מען נישט דאָרט, אָבער אַז דער מענטש האַלט זיך שטאַרק באַקומט ער אַ נייע תּוֹרָה.

וויאַזוֹי קען מען טאַקע אין אַזעלכע אומשטענדן שטיין אַזוֹי פעסט קעגן דעם אָפּענעם מויל פון'עם סַ"ם? דער רבי לערנט איז אַז די עֵצָה איז נאָר מיט תְּפִלָּה און מיט די וואונדערליכע עֵצָה פון זוכן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. אַ אידיש קינד דאַרף זיך מְחַיֶּה זיין און לוסטיג זיין אַז מיר זענען אויסגעוועלט געוואָרן צו זיין דער באַליבטער בֵּן יָחִיד פון אויבערשטן! איך בין אַ בֶּן מֶלֶךְ, אַ קליינִיגקייט?




דערפאַר פירט מען זיך טאַקע ביי אונז צו טאַנצן שָׁבוּעוֹת ביינאַכט צווישן איין תִּיקוּן און צווייטן, אַזוֹי ווי הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בענדער זצ"ל פאַרציילט אַז אין אוּמַאן פלעגט אַ חֵלֶק עוֹלָם זאָגן דעם תִּיקוּן און דער אַנדערער עוֹלָם איז געגאַנגען אין אַ טענצל, דערנאָך האָט מען זיך געביטן!

אַוַדְאַי נישט פאַרגעסן צו זאָגן תְּהִלִּים אין דעם טאָג ווען עס פאַלט אויס די יאָרצייט פון דָּוִד

המשך אויף זייט 6

# דֶער גְרוֹיסֶער שָׁבוּעוֹת

עֶרֶב דֶעם גְרוֹיסְן שָׁבוּעוֹת, דָאס עֶרְשְׁטֶע יָאר נָאכְן רֶבִּי'נְס הִסְתַּלְּקוּת וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ ר' נָתָן אוֹיף יוֹם טוֹב, אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּינְ'ס מְשַׁמֵּשׁ רֶבִּי שִׁמְעוֹן.

עֶס אִיז שׁוֹין צֶען יָאר זֵייט רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט נִישְׁט בַּאזוּכְט אוּמַאן, אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז עֶר שׁוֹין גֶעקוּמֶען עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים פְרִיעֶר צוּ זַיין שָׁבוּעוֹת בַּיי ר' נָתָן. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין זוּן אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, ווייל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז דַאן גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. [נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה זֶענֶען זֵיי צוּרִיקְגֶעפָארְן קֵיין צְפַת ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעווְאוֹינְט. ר' שִׁמְעוֹן לִיגְט טַאקֶע הַארְט נֶעבְּן דֶעם קֶבֶר פוּנֶעם אֲרִ"י ז"ל.]



גאר אלטע מאפע פון שטאט טשערין

ר' נָתָן הָאט פָּארְגֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרָה 'תִּקְעוּ תּוֹכָחָה' דָאס אִיז דִי לֶעצְטֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין פְּטִירָה, אוּן אַזוֹי ווִי ווֶען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס פָּארְגֶעלֶערְנְט הָאט מֶען כִּמְעַט נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶערְן, פוּן גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן אִיז זַיין קוֹל גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטִיל, עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַ רַעשׁ אוּן צֶעמִישֶׁענִישׁ, הָאט דֶער עוֹלָם יֶעצְט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט דֶערְצוּ מַמָּשׁ ווִי צוּ אַ נַייעֶ תּוֹרָה, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן קֵיינְמָאל בֶּעפָאר דָאס נִישְׁט גֶעהֶערְט.

רֶבִּי שִׁמְעוֹן נָאכְן הֶערְן ר' נָתָנְ'ס רֵייד, אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אַז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ ר' אִיצְל דֶער טְרָאוִויצֶער מַגִּיד'ס אֵיידֶעם מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט אַז עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז עֶר אִיז גָאר דֶער רֶבִּי אַלֵיין!" נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין דָאךְ אַ מֵבִין אוֹיף אַ 'גוּטֶער אִיד' (אַ רֶבִּי), אִיךְ הָאבּ אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אַלֶע גוּטֶע אִידְן אוּן זִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּ אַ אִינְגְל [אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פַאר דִי חֻפָּה] זָאג אִיךְ אַייךְ, אַז הַיינְט אִיז רֶבִּי נָתָן דֶער מַנְהִיג הַדּוֹר!".

נִישְׁט נָאר ר' שִׁמְעוֹן הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט, נָאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן גֶערֶעדְט צְווִישְׁן זִיךְ אוֹיף ר' נָתָן אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעזָאגְט: "**עֶר אִיז דָאךְ דֶער רֶבִּי אַלֵיין**", פוּן גְרוֹיס אִיבֶּערְגֶענוּמֶענְקֵייט פוּן ר' נָתָנְ'ס דִיבּוּרִים.

ווֶען ר' נָתָן הָאט בַּאמֶערְקְט אַז זֵיי שִׁישְׁקֶען זִיךְ אוּנְטֶער מִיט דִי ווֶערְטֶער, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן: "**אִיךְ ווֵייס אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער רֶבִּי, אִיךְ ווֵייס אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער רֶבִּי!**".

אִינְמִיטְן סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט ר' נָתָן ווִידֶער בַּאמֶערְקְט ווִי אוּנְזֶערֶע לַייט רֶעדְן וֶועגְן אִים, הָאט עֶר בַּיים שְׁטִיקְל זְמִירוֹת ווֶען מֶען זִינְגְט דִי ווֶערְטֶער "וְלָא עָאלִין הָנֵי כַּלְבִּין דַּחֲצִיפִין" הָאט ר' נָתָן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "**כֶּלֶב אַרוֹיס, כֶּלֶב אַרוֹיס**". צוּ מְרַמֵּז זַיין אַז אוֹיבּ עֶס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אַ פִּרְסוּם אִיז דָאס אַזוֹי ווִי אַ כֶּלֶב חָצוּף – אַ הוּנְט אָן עַזּוּת פָּנִים!".

ווִיפִיל רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס אִין רֶבִּי'נְס זַאךְ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין אַלֵיין, אָן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן! אַ 'נִצְחִיּוּת' אוֹיף אֵייבִּיג - אִיז נָאר דֶער רֶבִּי! מִמֵּילָא אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ חָלִילָה אָפְּטֵיילְן, מַאכְן זִיךְ עֶפֶּעס אַלֵיין, וֶועט עֶר גָארְנִישְׁט הָאבְּן!

דֶערְפַאר טַאקֶע, דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן טַאקֶע יָא אַזוֹי גֶעטוּהְן - הָאט זִיךְ טַאקֶע יָא אָפְּגֶעהַאקְט דֶער הֶמְשֵׁךְ.

ר' שִׁמְשׁוֹן בַּארְסְקִי פְלֶעגְט דַאוֶוענֶען מִיט אַ גְרוֹיס

המשך אויף זייט 3

# איין אשה'לע



דער באַשעפער באַוויַיזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## נָאר דַאנְקְן

אִיךְ דַאנְק פַאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ דָא צוּ דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה, אִיךְ דַאנְק פַאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד.

פַאר אִיךְ וֶועל דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, ווִיל אִיךְ דַאנְקְן פַאר דִי מַעֲרֶכֶת און דִי חָשׁוּבֶ'ע מְלַמְּדִים פַאר אַלֶעם וָואס זֵיי שְׁטֶעלְן צוּ יֶעדֶע וָואךְ.

דִי מַעֲשֶׂה אִיז, אַז אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי בָּאס פוּן חֵדֶר. בִּין אִיךְ גֶעפָארְן אִין חֵדֶר דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג און עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁפֶּעט, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי זֵייגֶער נֵיינְצְן מִינוּט נָאךְ זִיבְּן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט נָאךְ אָנְקוּמֶען פְּרִי, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז נָאךְ צֶען מִינוּט זָאל אִיךְ שׁוֹין זַיין בַּיי דִי גַאס פוּן חֵדֶר. און אִיךְ בִּין טַאקֶע אָנְגֶעקוּמֶען פּוּנְקְט אִין צֶען מִינוּט אַרוּם נֵיין און צְוָואנְצִיג נָאךְ זִיבְּן, און נָאךְ אָנְגֶעיָאגְט צוּ קוּמֶען פְּרִי אִין חֵדֶר. יִישַׁר כֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער

**יְשַׁעְיָ'לֶע**

המשך פון זייט 3

מְתִיקוּת און פַאמֶעלִיךְ אַרוֹיסְזָאגְן יֶעדֶעס וָוארְט. שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט הָאט עֶר נִישְׁט אָנְגֶעיָאגְט צוּ זָאגְן דֶעם גַאנְצְן תִּיקוּן הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ סֵדֶר צוּ זָאגְן יוֹם טוֹב בַּיינַאכְט וִויפִיל עֶר יָאגְט אָן און וָואס ס'אִיז פַארְבְּלִיבְּן הָאט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ צוּגֶעעֶנְדִיגְט בִּיז תִּשְׁעָה בְּאָב!

<>

ר' אַבָּא'לֶע דֶער עוֹשֶׁר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּם צְוֵייטְן מָאל מִיט אַ פְרוֹי, דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּנֶעם עוֹשֶׁר פוּן קִיעֶוו מִיטְ'ן נָאמֶען זַייצִיג. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע שָׁבוּעוֹת נָאךְ זַיין צְוֵייטֶע חֲתוּנָה און אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן הָאט דֶער דָאס מָאל אוֹיךְ אָנְגֶעהַאלְטְן דֶעם מִנְהָג אַז עֶר פְלֶעגְט אַרַיינֶעמֶען אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ פוּן טְשֶׁערִין נָאכְן דַאוֶונֶען פַאר אַ מִילְכִיגֶע סְעוּדָה אִין זַיין גְרוֹיסְן דִירָה וֶועלְכֶע אִיז בַּאשְׁטַאנֶען פוּן הֶערְלִיכֶע זַאלְן און קָארִידָארְן מַמָּשׁ וִוי אַ פַּאלַאץ, ר' לֵוִי יִצְחָק פַארְצֵיילְט אַז עֶר גֶעדֶענְקְט נָאךְ דִי דִירָה וִוי עֶס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי לֶענְג פוּן אַ גַאס.

צְווִישְׁן דִי זַאלְן הָאט עֶר פַארְמָאגְט אַ גְרֶעסֶערֶע זַאל און אַ קְלֶענֶערֶע. קוּמֶענְדִיג אַהֵיים פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ זֶעט ר' אַבָּא'לֶע אַז זַיין בְּנֵי בֵּית הָאט אָנְגֶעגְרֵייט קִדּוּשׁ צוּ מַאכְן אִינֶעם קְלֵיינֶעם זַאל, בְּעֵת דֶעם גְרוֹיסְן זַאל הָאט זִי פַארְשְׁפַּארְט.

עֶר הֵייבְּט אוֹיף זַיין קוֹל מִיט אַ שְׁטִיקְל קְפֵידָה און רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִיר: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דֶעם זַאל, נִישְׁט וֶועגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן?", זִי הָאט גְלַייךְ גֶעפָאלְגְט און גֶעעֶפְנְט דֶעם גְרוֹיסְן זַאל וֶוען דֶעם רֶבִּי'נְס לַייט הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעצְט צוּ דִי שֵׁיינֶע גֶעגְרֵייטֶע טִישְׁן מִיט בְּרֵייטְקֵייט און שִׂמְחָה.

דִי טִירְן פוּן ר' אַבָּא'לֶע זֶענֶען אַלֶעמָאל גֶעוֶוען אָפְן פַאר דֶעם רֶבִּי'נְס מֶענְטְשְׁן, חֲנוּכָּה און שָׁבוּעוֹת וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט צַאמְנֶעמֶען אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער אַדְרֶעס. אֵיין מָאל וֶוען דִי חֲסִידִים הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, הָאט ר' אַבָּא'לֶע גֶענוּמֶען אַ שִׁיסְל וַואסֶער און אוֹיסְגֶעגָאסְן אוֹיף דֶער עֶרְד, און זִיךְ גֶעקוֹילֶערְט אִין דִי וַואסֶער און אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "אָט אִיז מֶען שׁוֹין מְטַהֵר אַבָּא'לֶע, אַבָּא'לֶע לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד און מֶען אִיז אִים מְטַהֵר!".

אַזוֹי שְׁטַארְק הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים פוּן ר' נָתָן גֶעדֶענְקְט אַז עֶס קוּמְט נָאךְ אַ וֶועלְט און מֶען דַארְף זַיין גְרֵייט אוֹיף דֶעם טָאג, אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעדֶענְקְט דֶעם יוֹם הַמִּיתָה, און זִיכֶער גֶעמַאכְט אַז זַיין עֲשִׁירוּת און הַצְלָחוֹת זָאל אִים נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין גַּאֲוָה. (שיש"ק החדש)

## ~ דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ

~1~



אִין וֶועג הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה. וָואס וֶוער עֶס הָאט זִי גֶעהֶערְט הָאט גֶעהַאט אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוּן דָאס אִיז דִי מַעֲשֶׂה.

אֵיין מָאל אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ, דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶיהַאט זֶעקְס זִין אוּן אֵיין טָאכְטֶער. דִי טָאכְטֶער אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט זִי זֵייעֶר מְחַבֵּב גֶעוֶוען (כְּלוֹמַר גֶעלִיבְּט) אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיהְר זֵייעֶר מְשַׁעֲשֵׁעַ גֶעוֶוען.

אַמָאל אִיז עֶר מִיט אִיר גֶעוֶוען אִין אֵיינֶעם אִין עֶפֶּעס אַ טָאג. אוּן אִיז אוֹיף אִיר בְּרוֹגֶז גֶעוָוארְן. הָאט זִיךְ אִים אַרוֹס גִיחַאפְּט אַ וָוארְט דֶער נִיט גוּטֶער זָאל דִיךְ אַוֶועק נֶעמֶען. בַּיי נַאכְט אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אִין אִיר חֶדֶר אַרַיין. אִין דֶער פְרִיא הָאט מֶען נִיט גִיוואוּסְט וִויא זִי אִיז, הָאט זִיךְ דֶער פָאטֶער (דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ) זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶועזְן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען זִי זוּכְן אַהִין אוּן אַהֶער.

אִיז אוֹיף גְשְׁטַאנֶען דֶער שֵׁנִי לְמַלְכוּת. מֵחֲמַת עֶר הָאט גִיזֶען. דֶער מֶלֶךְ הָאט גְרוֹיס צַעַר. אוּן הָאט גִיבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים גֶעבֶּן אֵיין מְשָׁרֵת מִיט אֵיין פֶערְד. אוּן גֶעלְט אוֹיף הוֹצָאוֹת. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען זִי זוּכְן. הָאט עֶר זִי זֵייעֶר גִיזוּכְט. זֵייעֶר אַלַאנְגֶע צַייט, בִּיז עֶר הָאט זִי גִיפוּנֶען. (הַיינְט דֶערְצֵיילְט עֶר וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִי גִיזוּכְט בִּיז עֶר הָאט זִי גִיפוּנֶען) אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט. (אוּן) אִין מִדְבָּרִיוֹת אוּן אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין וֶועלְדֶער אוּן הָאט זִי גִיזוּכְט זֵייעֶר אֵיין לַאנְגֶע צַייט.

אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען (אוּן) אִין מִדְבָּר אוּן הָאט גֶעזֶען אַ וֶועג פוּן דֶער זַייט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען בַּאֲשֶׁר אִיךְ גֵיי אַזוֹי אַ לַאנְגֶע צַייט אִין דֶער מִדְבָּר אוּן קָאן זִי נִיט גִיפִינֶען. לָאם אִיךְ גֵייעֶן אוֹיף דֶעם וֶועג. טָאמֶער וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אֵיין יִשׁוּב. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אַ לַאנְגֶע צַייט.

דֶער נָאךְ הָאט עֶר גִיזֶעהֶן אַ שְׁלָאס אוּן אַסַאךְ חַיָילוֹת שְׁטֵייעֶן אַרוּם. אוּן דֶער שְׁלָאס אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר שֵׁיין, אוּן דִי חַיָילוֹת זֶענֶען אַרוּם גִישְׁטַאנֶען כְּסֵדֶר זֵייעֶר פַיין. הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט פַאר דִי חַיָילוֹת. טָאמֶער וֶועלְן זֵיי אִים נִיט לָאזְן אַרַיין גֵיין. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען אִיךְ וֶועל מִיךְ פְּרוּאוְון. אוּן הָאט אִיבֶּער גִילָאזְט דָאס פֶערְד, אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם שְׁלָאס. הָאט מֶען אִים גִילָאזְט. אוּן מֶען הָאט אִים גָאר נִיט מְעַכֵּב גִיוֶוען אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען פוּן אֵיין חֶדֶר צוּם אַנְדֶערִין אוּן מֶען הָאט אִים נִיט גִיוֶוערְט. אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ אֵיין פַּאלַאץ. הָאט עֶר גִיזֶען. דֶער מֶלֶךְ זִיצְט דָארְט אִין אֵיין קְרוֹין. אוּן אַסַאךְ חַיָילוֹת שְׁטֵייעֶן אַרוּם אִים. אוּן אֵיין סַאךְ שְׁפִּילְן אוֹיף כֵּלִים פַאר אִים אוּן עֶס אִיז דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין אוּן פַיין גִיוֶוען. אוּן דֶער מֶלֶךְ אוּן קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים גָאר נִיט גִיפְרֶעגְט.

און עֶר הָאט דָארְט גִיזֶעהְן גוּטֶע מַאֲכָלִים. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און הָאט גִיגֶעסִין. און אִיז גִיגַאנְגֶען און הָאט זִיךְ גִילֵייגְט אִין אֵיין ווִינְקֶעלֶע עֶר זָאל זֶעהְן וָואס דָארְטִין וֶועט זִיךְ טוּהְן, הָאט עֶר גִיזֶען דֶער מֶלֶךְ הָאט גִיהֵייסְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען דִי מַלְכָּה. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען זִיא בְּרֶענְגֶען. אִיז דָארְטִין גִיוֶוען אֵיין גְרוֹיסֶער רַעַשׁ און אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, און דִי קַאפֶּעלְיֶעס הָאבְּן זֵייעֶר גִישְׁפִּילְט און גִיזוּנְגֶען. וַוייל מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט דִי מַלְכָּה. און מֶען הָאט אִיר גִישְׁטֶעלְט אֵיין שְׁטוּל. און מֶען הָאט זִי גִיזֶעצְט לֶעבִּין אִים. און דָאס אִיז גִיוֶוען דִי בַּת מֶלֶךְ. און עֶר הָאט זִי גִיזֶען און הָאט זִי דֶער קֶענְט.

נָאךְ דֶעם הָאט דִי מַלְכָּה אֵיין קוּק גִיטָאן און הָאט גִיזֶען אֵיינֶער לִיגְט אִין אֵיין ווִינְקֶעלֶע הָאט זִי אִים דֶער קֶענְט, אִיז זִיא אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פוּן דֶער שְׁטוּל און אִיז צוּ אִים גִיגַאנְגֶען און הָאט אִים אָן גִירִירְט, און הָאט אִים גִיפְרֶעגְט קָאנְסְטוּ מִיךְ הָאט עֶר אִיר גִיעֶנְטְפֶערְט יָא. אִיךְ קֶען דִיךְ דוּ בִּיסְט דִי בַּת מֶלֶךְ וָואס אִיז פַאר פַאלִין גִיוָוארִין. הָאט עֶר זִי גִיפְרֶעגְט ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט זִי אִים גִיעֶנְטְפֶערְט וַוייל דֶעם טַאטִין הָאט זִיךְ אִים אַרוֹיס גִיחַאפְּט דָאס וָוארְט (הַיְינוּ אַז דֶער נִיט גוּטֶער זָאל דִיךְ נֶעמֶען) און דָא אִיז דָאס אָרְט וָואס אִיז נִיט גוּט.

הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט אַז אִיר פָּאטֶער אִיז זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר. און עֶר זוּכְט זִי כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים. און הָאט זִי גִיפְרֶעגְט. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ דִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען. הָאט זִי אִים גִיעֶנְטְפֶערְט. דוּ קָאנְסְט מִיךְ נִיט אַרוֹיס נֶעמֶען. סַיידִין אַז דוּ זָאלְסְט דִיר אוֹיס קְלוֹיבִּין אֵיין אָרְט און זָאלְסְט דָארְט זִיצִין אֵיין יָאר. און אַ גַאנְץ יָאר זָאלְסְטוּ בֶּענְקֶען נָאךְ מִיר זָאלְסְט מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען, און וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט זָאלְסְטוּ רַק בֶּענְקֶען און וֶועלִין און הָאפִין מִיךְ אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען. און זָאלְסְט פַאסְטִין. און אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטִין טָאג פוּן דֶעם יָאר זָאלְסְטוּ פַאסְטִין און זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפְן דֶעם גַאנְצִין מֵעֵת לְעֵת, אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און הָאט אַזוֹי גִיטָאן.

און צוּם סוֹף יָאר דֶער אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג. הָאט עֶר גִיפַאסְט. און הָאט נִיט גִישְׁלָאפְן. און הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן. און אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען (הַיְינוּ צוּ דֶער בַּת מֶלֶךְ דִי אַרוֹיס צוּ נֶעמֶען) הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אֵיין בּוֹים אוֹיף דֶעם בּוֹים הָאבְּן גִיוַואקְסֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע עֶפִּיל. הָאט זִיךְ אִים זֵייעֶר גִיגְלוּסְט און אִיז גִיגַאנְגֶען. און הָאט גִיגֶעסֶען פוּן זֵיי. תֵּיכֶף ווִי עֶר הָאט גִיגֶעסֶען דֶעם עֶפִּיל. אִיז עֶר אַנִידֶער גִיפַאלְן און עֶס הָאט אִים אָן גִיחַאפְּט אֵיין שְׁלָאף. און הָאט גִישְׁלָאפְן זֵייעֶר אֵיין לַאנְגֶע צַייט הָאט דֶער מְשָׁרֵת אִים גֶעוֶועקְט. און עֶר הָאט אִים נִיט גִיקָאנְט דֶער וֶועקְן

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט פוּן דֶעם שְׁלָאף. פְּרֶעגְט עֶר דֶעם מְשָׁרֵת. ווִי בִּין אִיךְ אִין דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר אִים דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. דוּ שְׁלָאפְסְט שׁוֹין זֵייעֶר אֵיין לַאנְגֶע צַייט. עֶס אִיז שׁוֹין כַּמָה שָׁנִים. אַז דוּ שְׁלָאפְסְט. און אִיךְ הָאבּ מִיךְ מְפַרְנֵס גִיוֶוען פוּן דִי פֵּרוֹת הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶוען.

און אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען און הָאט זִי גִיפוּנֶען דָארְט (הַיְינוּ דִי בַּת מֶלֶךְ) הָאט זִי זִיךְ פַאר אִים זֵייעֶר גִיקְלָאגְט און זֵייעֶר זִיךְ מְצַעֵר גִיוֶוען. פוּן אֵיין טָאג וֶועגְן הָאסְטוּ אָן גִיוָוארְן (כְּלוֹמַר אִיבֶּער דֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אַיין הַאלְטְן אֵיין טָאג. און הָאסְט גִיגֶעסְן דֶעם עֶפִּיל אִיבֶּער דֶעם הָאסְטוּ אָן גִיוָוארְן) וָוארְן דוּ זָאלְסְט גִיוֶוען קוּמֶען אִין דֶעם טָאג וָואלְסְטוּ מִיךְ אַרוֹיס גִינוּמֶען. לוֹשְׁמִיר נִיט צוּ עֶסִין אִיז זֵייעֶר אֵיין שְׁוֶוערֶע זַאךְ. בִּפְרַט דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטְן טָאג. דֶעמָאלְט אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע זֵייעֶר מִתְגַבֵּר.

עַל כֵּן זָאלְסְטוּ דִיר ווִידֶער אוֹיס קְלוֹיבְּן אֵיין אָרְט. און זָאלְסְט ווִידֶער זִיצְן דָארְט אֵיין יָאר. און אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶען טָאג זָאלְסְטוּ שׁוֹין מֶעגְן עֶסִין. נָאר זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפְן. און זָאלְסְט קֵיין וַויין נִיט טְרִינְקֶען כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִיט שְׁלָאפֶען, וָוארִין דֶער עִיקָר אִיז דֶער שְׁלָאף. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און הָאט אַזוֹי גִיטָאן.

הַמֶּלֶךְ דֶער נְעִים זְמִירוֹת יִשְׂרָאֵל. דֶער סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיְינֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיְין הַארְץ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל קֶענֶען מְקַיֵּים זַיְין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן נִצָּל וֶוערְן פוּן אַלֶע זַיְינֶע שׂוֹנְאִים – דֶער יֵצֶר הָרַע מִיט זַיְינֶע חַיָּלוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַז סֵפֶר תְּהִלִּים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְן אִיד בִּפְרָט, יֶעדֶער מִיט זַיְינֶע פְּרִיוָואטֶע מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר אוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, אַלֶעס אִיז מְבֹאָר אוּן מְפֹרָשׁ אִין תְּהִלִּים.

דֶער עִיקָר יְסוֹד פוּן אַלֶע עֵצוֹת וִויאַזוֹי זִיךְ מְקָרֵב צוּ זַיְין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אִיז נָאר דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן אַנְדֶערֶע בַּקָּשׁוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אוּן אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיְים אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר מְקָרֵב זַיְין צוּ אִים, נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיְין צוּ גֶעוְוינֶען דִי מִלְחָמָה, אַז מֶען וֶועט שְׁטֶענְדִיג זַיְין שְׁטַארְק פֶּעסְט זִיךְ צוּ בֶּעטְן בַּיְים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל מִיר שֶׁענְקֶען זַיְין גֶענָאד, זָאל זַיְין וָואס זָאל נָאר זַיְין וֶועט מֶען זִיכֶער גֶעוְוינֶען דִי מִלְחָמָה, אַשְׁרֵי לוֹ! אַזוֹי הָאבְּן מִיר פַארְשְׁטַאנֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס רֵייד.

עֶס זֶענֶען טַאקֶע דָא אַסַאךְ גוּטֶע עֵצוֹת אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים וִויאַזוֹי נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער רוֹב מָאל זֶענֶען דִי עֵצוֹת אַלֵיין זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקַיֵּים צוּ זַיְין, דֶערְפַאר אִיז דֶער עִיקָר דִי תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָּשׁוֹת צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן וָואסֶערֶע דִּבּוּר עֶס קוּמְט נָאר אַרוֹיס, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר וַוייט וֶועל אִיךְ וַוייטֶער שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיְים אִים, אוּן צוּם סוֹף וֶועט דֶער בַּאשֶׁעפֶער זִיכֶער עֶנְטְפֶערְן אוּן מִיר בְּרֶענְגֶען צוּם אֱמֶת בְּלִי סָפֵק. **בְּרוּדֶער חֲזַק וֶאֱמַץ!** אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן הָאף צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוֹיב חַס וְחָלִילָה דַיְין תְּפִלָּה אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, חֲזוֹר וְקַוֵּה וְכֵן לְעוֹלָם - הָאף אוּן בֶּענְק נָאכְאַמָאל, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַרָאפְּקוּקְן אִין דִיר הֶעלְפְן.

דִי זַאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי דַארְף מֶען חֲזֶר'ן טוֹיזְנְטֶער מָאל זִיךְ צוּ הַאלְטְן פֶעלְזְן פֶּעסְט, כִּי לֹא יִטֹּשׁ ה' אֶת עַמּוֹ וְנַחֲלָתוֹ לֹא יַעֲזוֹב! (תּוֹרָה ק"א תִּנְיָנָא)

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי, מִיט אַ חֵשֶׁק אוּן פְרִישְׁקֵייט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן מִיט זַיְין גְרוֹיס רַחֲמָנוּת, אַזוֹי אוֹיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט זָאגְן תְּהִלִּים אוּן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיְין צוּ דִי גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה בב"א.



**אַ תְּפִלָּה אוֹיף דִי לִיכְט פוּן דִי תּוֹרָה** (ל"ת קט"ו) רַחֲמָנוּת'דִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן נֶעם אָן מַיין גֶעבֶּעט, דֶערְבַּארִים זִיךְ אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר אוּן זָאל מֶער נִישְׁט אוֹיפְטוֹישְׁן לִיכְט מִיט טוּנְקְל, צִי מִיר אַרוֹיס פוּן פִינְסְטֶער צוּ לִיכְטִיגְקַייט, פוּן חֹשֶׁךְ צוּ אַן אוֹר גָּדוֹל, פוּן דִי פַארְנֶעפְּלְטֶע תַּאֲווֹת אוּן נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן עוֹלָם הַזֶּה צוּ דִי קְלָאְרֶע לוֹיטֶערֶע לִיכְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג מַמְשִׁיךְ אוּן אַנְטְפְּלֶעקְן אוּן מַאכְן לִיכְטִיג אַלֶע וֶועלְטְן.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ גַּלֵּה כְּבוֹד מַלְכוּתְךָ עָלֵינוּ מְהֵרָה, וְהוֹפַע וְהִנָּשֵׂא עָלֵינוּ, מִיט דַיין רַחֲמָנוּת מַאךְ אוּנְז לִיכְטִיג דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל דוּ הָאסְט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּנְז צוּ בַּאשַׁיינֶען מִיט דַיין גְרוֹיסְן אוֹר פוּן מַתַּן תּוֹרָה בִּיז הַיינְט, דוּרְךְ דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם'ס צַייטְן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג.

אָבֶּער דוּרְךְ אוּנְזֶער גַּשְׁמִיּוּת אוּן פִינְסְטֶערֶע עֲבֵרוֹת, דַארְפְן מִיר אַז דוּ זָאלְסְט נָאכְמֶער רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז, אַז אוֹיךְ אוֹיף מִיר אִיצְטֶער זָאלְסְטוּ לִיכְטִיג מַאכְן מִיט דִי לִיכְט פוּן דַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - אוּן דִי אוֹר פוּן דִי אֱמֶת'ע צַדִּיקִים, אַז אַלֶע מַיינֶע תַּאֲווֹת אוּן נַארִישְׁקַייטְן זָאלְן בָּטֵל וֶוערְן אוּן אִיךְ וֶועל זוֹכֶה זַיין זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר מִיט אַן אֱמֶת אוּן תְּמִימוּת וִוי דַיין רָצוֹן אִיז. הָאִירָה פָּנֶיךָ עַל עַבְדֶּךָ הוֹשִׁיעֵנִי בְחַסְדֶּךָ פָּנֶיךָ הָאֵר בְּעַבְדֶּךָ וְלַמְּדֵנִי אֶת חֻקֶּיךָ.

## די ערשטע מעשה פון די פארלוירענע בת מלך(1)

**א. ווען האט דער רבי דערציילט די מעשה פון די פארלוירענע בת מלך?** (חיי מוהר"ן נ"ט - ימי מוהרנ"ת י"א)
☐ זומער תקס"ה
☐ זומער תקס"ו
☐ ווינטער תקס"ו

**ב. וואס האט דער רבי געזאגט פאר'ן דערציילן די מעשה?**
☐ אויפ'ן וועג האב איך דערציילט א מעשה
☐ ווער עס האט זי געהערט האט געהאט א הרהור תשובה
☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וויפיל זוהן און וויפיל טעכטער האט דער מלך געהאט?**
☐ זעקס זוהן און איין טאכטער
☐ זעקס טעכטער און איין זוהן
☐ דריי זוהן און דריי טעכטער

**ד. וואס איז די ווארט וואס האט זיך ארויס געכאפט פון מלך?**
☐ אז דער גוטער זאל דיר נעמען
☐ אז דער באשעפער זאל דיר נעמען
☐ אז דער נישט גוטער זאל דיר נעמען

**ה. ווער איז געגאנגען זוכן די בת מלך?**
☐ דער זוהן פון מלך
☐ דער שני למלכות
☐ די משרתים פון מלך

**ו. האט ער זי געפונען?**
☐ ניין
☐ יא, גלייך
☐ יא, נאכן זוכן זייער א לאנגע צייט

**ז. וויאזוי איז געווען די שלאס (פאלאץ) וואס ער האט געזעהן?**
☐ זייער שיין
☐ די מיליטער זענען ארום געשטאנען זייער פיין
☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. האט דער שני למלכות געגעסן פון די עסן פון שלאס (פאלאץ)?**
☐ יא
☐ ניין
☐ נאר געטרונקען

**ט. וואס האט זי געזאגט אויף די פאלאץ?**
☐ אז ס'איז א גוטע פלאץ
☐ אז דא איז די פלאץ וואס איז נישט גוט
☐ זי האט גארנישט געזאגט

**י. וואס האט זי אים געזאגט צו טוהן כדי איר צו ארויסנעמען?**

☐ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א וואך און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען
☐ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א חודש און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען
☐ ער זאל זיך אויסקלייבן א פלאץ און זיצן דארטן א יאר און בענקען, וועלן, און האפן, איר ארויסצונעמען

**יא. און וואס זאל ער טוהן דעם אונטערשטן (לעצטן) טאג?**
☐ פאסטן
☐ נישט שלאפן
☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס האט ער געטון די לעצטע טאג?**
☐ פארזוכט פון די ווין
☐ געגעסן פון די עפל
☐ געפאסט א גאנצן טאג

**יג. וויפיל צייט איז ער געשלאפן?**
☐ איין נאכט
☐ אפאר טעג
☐ זייער א לאנגע צייט - כמה שנים

**יד. וויאזוי האט ער זיך אויפגעוועקט?**
☐ דער משרת האט אים געוועקט און ער האט זיך גלייך אויפגעוועקט
☐ דער משרת האט אים געוועקט און ער האט זיך נישט אויפגעוועקט דערנאך האט ער זיך אויפגעכאפט
☐ ער האט זיך גלייך אליין אויפגוועקט

**טו. וואס האט ער געזאגט ווען ער האט זיך אויפגעכאפט?**
☐ פארוואס האב איך געגעסן פון די עפל
☐ פארוואס בין איך געשלאפן אזויפיל צייט
☐ וואו בין איך אין דער וועלט

**טז. פון וואס האט זיך דער משרת געשפייזט ווילאנג דער שני למלכות איז געשלאפן?**
☐ פון די פרוכט
☐ פון א קוואל וואסער
☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. נאך וואס דער שני למלכות איז געשלאפן, וואס האט זי אים געזאגט צו טוהן אין דעם אונטערשטען (לעצטן) טאג?**
☐ נישט שלאפן און נישט טרונקען ווין
☐ נישט שלאפן און נישט עסן
☐ נישט שלאפן

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

# „די תורה מאכט רייך"



## האט דער רבי אויסגערופן מיט א הויך קול

*עטליכע שפראכן, געווען א שטערן אין יעדע פאך. און ווען דער אויבערשטער האט אים געהאלפן און איז מקורב געווארן צום רבינ'ס וועג און דאס ליכטיגקייט פון תורה האט אים אריינגעשיינט האט ער אלעס אוועקגעווארפן און איז אנגעקומען קיין ירושלים עיה"ק וואו ער האט זיך אריינגעלייגט ראשו ורובו צו הארעווען אין לערנען, ער איז היינט גאר א חשוב'ער ברסלב'ער חסיד און לעבט מיט'ן רבינ'ס זאך.*

אן עלטערער איד, וואס פלעגט אין זיינע אינגע יאר פארן צום רבי'ן - מיט זיין פעטער וואס איז געווען פון רבי'נס מענטשן. דער פעטער האט אים אויסגעלויבט פאר'ן רבי'ן אז ער איז תלמיד חכם. האט דער רבי אים מעורר געווען צו לערנען פלייסיג, וויבאלד ער איז נאך געזעסן קעסט ביי זיין שווער אינדערהיים, האט זיך דער רבי אנגערופן מיט דעם לשון: "די ליפן זאלן דיר נישט צו שטיין". נאכדעם רופט זיך דער רבי אן: "די תורה וועט דיך קוויקן, די תורה וועט דיך שטארקן" און נאך עטליכע שבחים וועגן לערנען תורה. און דאן האט דער רבי אויפגעהויבן זיין קול מיט דעם לשון: "די תורה מאכט רייך".

*מיר ברענגען דא א שמועס וואס מיר האבן געהאט מיט א חשוב'ער ברסלב'ער חסיד וואס איז זוכה געווען אויסצופירן דעם רבינ'ס רייד מיט מסירת נפש. ווען ער זענען געשטאנען ביים שפיץ (אפגרינד) פון גליק און האט אלעס אפגעלאזט און זיך געזעצט לערנען תורה.*

*הרב ד. האט ארומגערייזט איבער די וועלט זיך צו לערנען אלע חכמות וואס זענען פאראן אויף דער וועלט, פון מאראקא קיין פראנקרייך, שפאניע, עגיפטן, דייטשלאנד, שווייץ, ענגלאנד, פענסילוועניע, ניו יארק. ער האט געקענט*

**אין א שמועס מיט הרב ד.:**

**אפשר קענט איר אונז מיטטיילן ווי אזוי איר זענט אנגעקומען צו דעם שטאפל צו לערנען א פולן סדר אין כולל?**

עס איז אריבער אויף מיר אסאך ביז איך האב ב"ה זוכה געווען צו טרעפן דאס ליכטיגקייט פון תורה. כ'וועל אייך דא דערציילן נאר דער לעצטער פונקט. א שטיק צייט האָב איך געאַרבעט אין א צייטונג דורכאויס דעם טאג און ביינאכט בין איך געגאנגען לערנען אין א ישיבה.

"פארוואס קומסטו נישט לערנען אויך בייטאג? "האט מיך דער ראש ישיבה איין טאג פארגעהאלטן.

"איך ארבעט פאר פרנסה," איז געווען מיין פארטיגער תירוץ. דער ראש ישיבה איז נישט געווען צופרידן פונעם תירוץ. ער האט מיר מסביר געווען אז מ'קען ארבעטן פאר רוחניות און דאס איז די השתדלות הפרנסה.

"איר מאכט חוזק פון מיר?" בין איך געווארן באליידיגט. "אלע יארן האב איך שטודירט און זיך געבילדעט אז איך זאל האבן א גוטן פאסטן, און יעצט ווילט איר אז איך זאל אלעס איבערלאזן?!"

דער ראש ישיבה האט געזען אז איך בין נאכנישט גרייט פאר א טויש האט ער מיר פארגעשלאגן אז איך זאל נעמען וואקאציע פון דער ארבעט פאר איין חודש, און דערנאך וועל איך קענען מחליט

זיין וואס צו טאן. איך האב אים געפאלגט.

טעמו וראו כי טוב! נאכ'ן פארזוכן דעם גוטן טעם פון תורה האב איך עס שוין נישט געוואלט אפלאזן. ווען מיין פרוי, האט געהערט איבער מיין באשלוס אפצולאזן מיין גוטע שטעלע ביי דער צייטונג, איז זי אריין אין א פאניק. "פון וואס וועלן מיר לעבן?" האט זי פארפירט.

אין דעם וועלטעלע האב איך שוין אלעס באזוכט און נישט געטראפן דאס גליק, יעצט וויל איך אנהייבן באזוכן די ריכטיגע פלעצער, דורכשפאצירן די גאנצע תורה און זיך גרייטן פאר יענער וועלט," האב איך איר מיטגעטיילט וואס עס קומט פאר אין מיין נפש. "איך גלייב נישט אז דער אויבערשטער וויל מיר זאלן שטארבן פאר הונגער צוליב לערנען תורה. וואס האלטסטו, אז ברויט און וואסער וועלן מיר האבן?" האָב איך איר געפרעגט.



"יא," האט זי געשאקלט מיט'ן קאפ אָן קיין ווערטער, זייענדיג אין אַנגסט אז עס ווארט איר אפ עטליכע הונגער-יארן...

"נו, דאס איז גענוג פאר מיר," האב איך איר קלאר איינגעמאלדן. פון יעצט און ווייטער באגער איך שוין נאר תורה," בין איך געווען אנטשלאסן.

מיין פרוי האט אבער נישט אפגעקויפט מיינע ווערטער, און צוזאמען האבן מיר באשלאסן זיך צו ווענדן צו א דעת תורה. מיר זענען אריבערגעגאנגען צו הרב ג. זצ"ל און פארגעלייגט ביידע צדדים.

"איך ארבעט אויך," האט דער רב מיך פרובירט צו שטעלן אין פלאץ. "אפשר קענסטו טרעפן א פאסטן וואס גייט אינאיינעם מיט'ן לערנען?"

"איך האב שוין גענוג געארבעט אין מיין לעבן, יעצט וויל איך שוין נאר לערנען תורה," האב איך זיך געבעטן. דער פסק איז אַרויס אז איך זאל לערנען פאר דריי יאר, און נאכדעם זאלן מיר זיך נאכאמאל צאמזעצן פאר א שיקול הדעת, און מיין פרוי האט מסכים געווען.

דער אָנפירער פון דער קאמפאני האט דאָס נישט געוואָלט אַראָפּשלינגען ווען ער איז געוואויר געווארן איבער מיין באשלוס. "איך וועל דיך רופן צום געריכט," האט ער אריינגעשריגן אינעם טעלעפאן וואס האט זיך שיעור צעבראכן פון די שווערע כוואליעס וואס זענען דורכגעלאפן די דראנטן. "ווי אזוי וואגסטו זיך צו מאכן אזלעכע החלטות?" האט ער זיך דערשטיקט פון זיין פליסיגקייט אין מויל וואס איז געבליבן שטעקן אין האלז. אבער איך האב שוין געהאט מיין פארטיגער פלאן וואס איך האב נישט געוואלט טוישן, טראָץ די אלע שוועריקייטן וואס זענען געווארפן געווארן צו מיין ריכטונג.

**ווי אזוי האט איר מצליח געווען אריינצושווימען אין ים התלמיד?**

דאס לערנען תורה איז מיר בכלל נישט אנגעקומען גרינג. נאך א טאג פון הארעווען איבער דער גמרא, בין איך אהיימגעקומען מיט קאפ-שמערצן וואס האבן מיך פארשווערט מיין סדר היום. די גמרא איז געווען א נייע זאך פאר מיר וואס איך בין נישט געווען געוואוינט דערצו. איך האב זיך אפגערעדט פאר'ן משגיח אז ער וואלט געדארפט געבן אן הקדמה מיט הסברים, רעדן קלאר און געבן צו פארשטיין, ווייל די גמרא [אראמישע] שפראך איז ווילד פרעמד פאר מיר.

ה׳ אב איז די יארצייט פונעם אר״י הק׳. פונקט ווי אנדערע אידן בין איך געפארן קיין צפת, זיך צו משתטח זיין ביים ציון וועלן די נשמה פון צדיק קומט אויפנעמען אונזערע תפילות. אנקומענדיג צום פעלד בין איך אנטפאנגען געווארן דורך א פארפלייצונג פון מענטשן וואס זענען פונקט ווי מיר געקומען זיך אויסגיסן דאס הארץ. פון צוקומען נאנט צום קבר איז נישט געווען קיין רעדע אבער איך האב זיך נישט פארלוירן; איך האב זיך אראפגעבויגן אויף דער ערד זוכנדיג א לאך צווישן אלע פיס... קריכנדיג אויף אלע פיר בין איך אריינגעקראכן צווישן די מתפללים ביז איך האב געטאפט דעם שטיין און געוואוסט אז איך האב דערגרייכט מיין ציל. איך האב ארויפגעווארפן מיין קאפ אויפ׳ן קבר פון צדיק און געלאזט מיינע טרערן דאָס נאס מאכן. ״איך קען אזוי ווייטער נישט אנגיין! אויב דו ווילסט איך זאל לערנען תורה העלף אז מיינע קאפ-שמערצן זאלן זיך אפטאן!״ האב איך זיך איינגעבעטן ביים באשעפער.

צומארגנס ווען איך בין ווי יעדן טאג געגאנגען אין כולל אין זיך אוועקגעזעצט ביי דער גמרא, האב איך געלערנט געשמאק אָן קיין יסורים ביז איך האב שוין פארגעסן וואס ס׳מיינט קאפ-ווייטאג!

די דריי יאר פון לערנען אין כולל זענען שנעל דורכגעלאפן. איך האב געהאלטןווארט וואס איך האב געגעבן צו מיין פרוי, און איך האב איר גערופן פאר אן אסיפה. ״היינט האט זיך געענדיגט די דריי יאר וואס איך מעג לערנען אין כולל. איך האב געטראפן ארבעט ביי די צייטונג קאמפאני...״ האב איך איר פארגעשלאגן. ״נו, וואס זאגסטו, זאל איך



בלייבן אין כולל אדער צוריק צום קאמפאני? וואס דו ביסט מחליט דאס וועל איך טאן!״

״ניין ניין!״ האט זי געשריגן היסטעריש, ווי איך וואלט איר געזאגט אז איך גיי אראפשפרינגען פון דאך... ״לערן ווייטער תורה ווילאנג דו קענסט!״ האט זי אויסגערופן ווען עס דערקענט זיך א שלוות הנפש אויף איר פנים. ווי רחל אשת רבי עקיבא, איז זי מיין עזר פאר די פארלאפענע פערציג יאר, ווען איך האב נישט אפגעלאזט די גמרא. איך האב ב״ה א פארנומענעם סדר היום פון שיעורים מיט חברותות.




נישט געזארגט, זייט איך האב אויפגעגעבן מיין פאסטן ביים צייטונג האבן מיר געהאט מער ווי ברויט מיט וואסער צום לעבן... מיר האבן ב״ה געהאט א קינדער-געבענטשטע שטוב און זיי חתונה געמאכט בהרחבה, אונזערע זון און טעכטער, מיט ערליכע שידוכים. היינט קענען מיר זאגן מיט א פולן מויל ״הזורעים בדמעה ברינה יקצורו״, ווען מיר זען אונזערע אייניקלעך וואס זענען ערליכע, חסיד׳ישע בני תורה, ווען עס דערקענט זיך נישט קיין זכר צו מיין פארגאנגענהייט.

**וואו נאך האט איר געלערנט תורה?**

פון בני ברק האב איך זיך אריבערגעצויגן צו א שטילן געגנט אין ארץ ישראל וואו איך האב געקענט דינען דעם אויבערשטן אין מיין אייגן ווינקל. איך האב שוין געהאַט גענוג געזען די וועלט, און יעצט האב איך נאר באגערט צו זיין אויסגעטאן פון דער וועלט.

אין יענעם שטעטל געפינט זיך א תפיסה וואו עס געפינען זיך ליידער אחינו בני ישראל פארשפארט אונטער גראטעס. דער רב פון שטאט האט מיר

געבעטן איך זאל מחזק זיין די צעבראכענע נשמות און זיי צוריקקערן צום אמת'ן וועג, און אסאך פון זיי זענען טאקע ארויס פון זייער נפשות'דיגער תפיסה און אנגעהויבן צו לעבן מיט אמונה אין באשעפער.

אין יענער צייט פלעג איך לערנען אין ישיבה. איך האב ליב געהאט צו זיצן אין אַ זייטיגן קליינעם צימערל און מעיין זיין אין ספרי מהר"ל. די גשמיות'דיגע אומשטענדן זענען נישט געווען דאס בעסטע דארט, די ווענט האבן זיך געשיילט, דער דאך איז שיעור איינגעפאלן... אבער ס'האט מיר נישט אינטערעסירט. איך האב נאר איין זאך באגערט: תורה.

אין טאג האב איך באקומען דארט אן אומגעראכטענער גאסט: מיין יוגנט-פריינט פון אליאנץ-שולע מיט וועמען איך האב שטודירט חכמות ביי מיינע וואנדערונגען איבער דער וועלט. ווי נאר ער האט איבערגעטרעטן דעם שוועל פונעם לעכל און מיך געזען פארטיפט אין א ספר, איז ער געווארן אנגעפולט מיט רחמנות אויף מיר. מיט א ברויזנדער שטימע וואס האט געקענט איינווארפן דעם שוואכן דאך פון מיין צימער, איז ער צוגעגאנגען צום ראש ישיבה מיט טענות: "ווי אזוי וואגסטו זיך צו פארשווענדן דעם מענטשנ'ס מח? דו ווייסט וועמען דו האלטסט דא אין תפיסה?! ער איז א שטערן אין אלע חכמות פון דער וועלט, ער האט עטליכע דיפלאָמעס צו זיין נאמען, און דו לאזט אים דא זיצן אין דעם קליינעם צימערל זיין קאפ זאל אפשימלען?! מיט זיינע ידיעות אין עטליכע שפראכן וואלט ער געקענט זיין א געלונגענער דיפלאמאט, און דו פאראורזאכסט ער זאל פארשווענדן זיין לעבן דא." אזוי האט ער געשריגן און געשריגן ביז זיין האלז איז אים געווארן טריקן.

דער ראש ישיבה האט זיך נישט פארלוירן. "זעסט דעם שאסיי דא אונטן, וואו די הונדערטער אויטאָס פארן אריבער טאג-טעגליך?" האט ער געוויזן פון פענסטער. "אין דרייסיג יאר ארום וועט דא שטיין א בנין פון זיבן שטאק; אין פופציג יאר ארום וועלן מיר שוין ביידע נישט זיין דא. אבער ער וועט קיינמאל נישט שטארבן ווייל ער האט בוחר געווען אין חיים נצחיים." דער ראש ישיבה האט זיך דאַן אויסגעדרייט צו מיין זייט און געוויזן אויף מיר: "ער האט נישט מוותר געווען פון זיין לעבן, נאר אויסגעוועלט לעבן."




היינט-צוטאגס איז יענער חבר, אן אייניקל פון גרויסע צדיקים פון מאראקא, א גבאי אינעם גרויסן בית הכנסת פון פאריז. ער האט אויך אויסגעוועלט לעבן!

*יא, דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט וואס דער רבי האט געזאגט פאר חייקל:*

עס איז געווען איינמאל ווען ר' חייקל חזן איז געווען אין יריד אין ברסלב, פאר זיינע געשעפטן, און דער רבי האט אים געווינקען פון פענסטער ער זאל אריינקומען צום רבי'ן אין שטוב. נא, אז דער רבי רופט קען מען זיך נישט ארויסדרייען.

ר' חייקל קומט אריין, און דער רבי פרעגט אים א פראגע: "האסט שוין היינט געקוקט אויפן הימל?!" "ניין," איז געווען חייקל'ס ענטפער.

דער רבי רופט אים צו צום פענסטער און זאגט: "קוק ארויס פון פענסטער, וואס זעסטו?!"

"איך זע פערד און וועגענער, מענטש לויפן אהין און אהער" זאגט חייקל.

זאגט אים דער רבי: "פופציג יאר ארום וועט זיין גאנץ אן אנדערע יריד, אלעס וואס דו זעסט דא וועט מער נישט זיין, נאר אנדערע פערד און וועגענער, אנדערע סחורה און אנדערע מענטשן, איך און דו וועלן אויך נישט זיין דא. פרעג איך דיר?! וואס ביסטו אזוי פארנומען אז דו האסט אפילו נישט קיין צייט צו קוקן אויפן הימל?!

בעז"ה

## אזוי האט דער הייליגער רבי געזאגט מיט א ציטער
## און מיט א געוואלדיגע התלהבות כגחלי אש: (שיחות הר"ן ר"ט)

# וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ!

# אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִּיטָאן!

פַאר אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי שְׁפֶּעטֶערֶע דוֹרוֹת זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן ווָאוּנֶדערְלִיכֶע שִׂיחוֹת אוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת.

**טייערע עלטערן, העלפט אייערע קינדער זיך מיטכאפן מיט די הונדערטער קינדער ארום דער וועלט וואס האבן געזאגט "נעשה ונשמע" און אנגעהויבן לערנען ספר הקדוש סיפורי מעשיות מיט א פרישע "קבלת התורה"**



02-5-3333-72

1-518-329-9149

דעם רבינ'ס ליכט

דעם רבינ'ס מעשיות

לע"נ ר' מרדכי ב"ר מנחם - חיה בת ר' שלום ע"ה